STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01272

LIEDER FUNEM HERTSEN

M. IA. Khashkes

Permanent preservation of this book was made possible
by Rosina Konichowski Abramson-Glen
in memory of
Sonia Gerber-Konichowski & Moshe Konichowski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליעדער

פונ׳ם הערצען.

פערפאסט

פון

משה בן יעקב חאשקעס.

גענאננט: „חאשקע דיא ווילנערקע".

קראקוי

בדפוס של יוסף פישער.

LIEDER vom HERZEN.

Eigenthum u. Verlag des Verfassers M. Chaschkes, Wilno.

Druck von Josef Fischer in Krakau.

1888.

פאררעדע.

געהט מיינע ארימע ליעדעלעך, געהט ארויס אין דער וועלט
אונ בעט ביי מיינע יידעלאך קיין כבוד, קיין געלט!
אין דיא הייזער אין דיא הערצער קריכט אריין טיף,
אונ מאכט אונזערע יידען פון זייער לעבען א בעגריף.
וועט איהר באגעגענען א עושר, בעטלט חלומות צו זיין קאפ
וועט איהר טרעפען א צביעק, רייסט איהם דיא מאסקע אראפ!..
וועט איהר זעהן א ראסטאווהציק, פערוואַרפט איהם מיט קללות
שינדעט איהם דיא הויט... דורך איהם זענען מיר אין גלות!...
וועט איהר אנטאפען דעם נארישען בארן... לאכט איהם גוט אויס !
וועט איהר דער טאפן לייבעלע דראנג, שטעקט איהם דיא צונג ארויס!
וועט איהר באגעגענען דעם יידישען פאטריאט, לאזט איהם גריסען,
אדער דעם אמתען מענשען, מיט איהם זאלט איהר שמועסען!...

דֶער מְשׁוּגָעֶנֶער.

והיית משוגע ממראה
עיניך כל היום.

זַיְיא זָאגֶען: אִיךְ בִּין גֶעפֶאהְרְלִיךְ!
זַיְיא שְׁרַייֶען: אִיךְ בִּין נִיט עֶהְרְלִיךְ!
עֶס גִיפֶעלְט זַיְיא נִיט מַיין פָּנִים
מַיינֶע מְסַחְרִים, מַיינֶע קִנְיָנִים...
נָאר זַיְיא זֶענִין עֶס דִיא קְלוּגֶע
אוּנ אִיךְ בִּין עֶס: „דֶער מְשׁוּגָע!"...

וַוייל אִיךְ בֶּעקוּם קְלֶעפּ כְּסֵדֶר
אוּנ גֶעה אִין צוּרִיסֶענֶע קְלֵיידֶער
וַוייל מַיינֶע אוֹיגֶען קוּקֶען ווִילְד
וִויא אַיין עֶכְטֶעם טְרוֹיעֶרְבִּילְד...
אוּנ וַוייל זַיְיא הָאט גָאטְט בֶּעגְלִיקְט
דֶער פַּאר — בִּין אִיךְ פֶּערְרִיקְט!...

יָא, פוּן אַזוֹי פִיל זְלְזוּלִים הֶערִין
קֶען מֶען טַאקֶע מְשׁוּגָע ווֶערִין

און אזוי קיין רעכט צוא געפינען
מוז מען אראפ פון זינגען...
און אז איך דולדע די פאגראמען
האב איך כשר פארדינט דעם נאמען!...

משוגע קען מען הלעבין ווערין
סובארינס ווערטער צוא הערין
משוגע מוז מען ווערין יעדער מינוט
לייענדיג אז: מיר דארפען מענשליך בלוט!...
און אין דעם ליגט טאקע אונזער שגעון
אז מיר דולדען עס פון אנפאנג אן! —

* * *

בעטראכט אונזערע פעכער מיט קאפ
וועסטו ניט ווילענדיג פון זינגען אראפ!
בעטראכט די חכמה, דעם איינפאל פון זייא
איצקע, יאנקעל, דערצו נאך יעוריי!...
בעטראכט וויפיל יושר אין די ווערטער איז דא
„טאם גדע יעווריאם זשיט ראזרעשענא!"...

"זשיט ראזרעשענא ש!" דאס רעכט אויף צו לעבען?
וואס הייסט, איך בעט אייך, ערקלערט עס מיר חלעבין!..
אויף צוא לעבען דאס רעכט גיט מיר מיין פאס
דווקא אין מיין שטעטיל, דווקא אין מיין גאס!...
דווקא אין מיינע ד' אמות מוז איך אנלייגען מיטען קאפ
ענטוועדער זייט איר אדער איך פון זינען אראפ!...

* * *

גלייך מיט אייך האב איך גיגעבין א געשרייא
אז דער ערסטער שטאל האט מיר געטאן וויא...
אונ אז מיין מוטער האט מיר צוגעדריכט צו דיא בריסט
ניט וועניגער וויא אייך האט זיא מיר דעמאלט געקיסט
אונ אז מיר האבען אלע געזויגען ניט מעהר וויא מילך.
גלייכע רעכטע מיט אייך פערלאנג איך אונ וויל איך.

אז צו 8 טעג האט מען מיר ניט פרעגענדיג בעשניטען
אין דעם האט מיין קערפער אבער ניט אייערער געליטען!..
אונ אז מע וועט מיר אמאל לייגען צווישען מיינע ברידער
אין דעם וועלען אלס ליידען נאר מיינע גלידער...

נאר אין בערדיטשעוו צוא לעבען, אונ ביי פלעוונא שטארבען
דאס שטעלט מיר פאר א בילד מיט משוגענע פארבען!...

אונזער סוף איז א גלייכער — חאטש ניט גלייך
איז אונזער רעליגיאן
ניט פון מיר וועט ווערין וואסער, ניט פון אייך — בוליאן!..
ניט איך וועל זינקען טיף, ניט איר וועט שטייגען הויך
ניט פון אייך וועט ווערין פייער, ניט פון מיר וועט ווערין רויך...
ווייבאלד מיר גלייכען זיך אוים אין דער ערד באם באגראבען
מוזען מיר אויף דער ערד אויך גלייכע רעכטע האבען!...

האב איך איינמאל בלוט בעדארף מיר א עולה פארדריסען
צאהל איך גוטעס געלד מוז איך דער פאר געניסען!...
היים איך א לעבעדיגער מאג איך מיר פרייא באוועגין
בין איך א „בירגער" דארף איך אויף רעכטע ניט פרעגין
בין איך א סאלדאט א גוטער, מאג איך דאכטזיך מיר
מאכען קליינע אנשפריכע: צו ווערין א אפיציר!...

א פראסטער סאלדאט ייד, מיזטו בלייבען דיין גאנצעס לעבען
פאר דעם בשערען נאמען „איצקע" וואס מע האט דיר גיגעבין

אַ בִּירְגֶער זָאלְסְטוּ הֵייסֶען אוֹיף קַאטָאוָועס, אוֹיף שְׁפַּאס
אַ בִּירְגֶער פוּן שוּהֶלְהוֹיף בִּיז אִין יִידִישֶׁער גַאס!...
אוּמֶעטוּם זָאלְסְטוּ דַיין רֶעכְט זוּכֶען אוּנ אִין עֶרְגֶעץ נִיט גֶעפִינֶען
הַיינְט פוּן אַזַא פָּאנָארַאמֶע... גֶעה נִישְׁט אַרָאפּ פוּן זִינֶען!...

אַדְרַבָּה, קִינְדֶער, לָאמִיר פְרֶעגִין מֶענְשִׁין קְלוּגֶע
זָאלֶען זַייא זָאגֶען וֶוער פוּן אוּנז אִיז מֶעהְר מְשׁוּגֶע
צוּא אִיךְ וָואס אִיךְ שְׁרַייא פַאר צָרוֹת, פַאר וַוייטִיג
אָדֶער אִיר וָואס אִיר טַעֲנֶת, אַז „שֵׂכֶל" אִיז נִיט נֵייטִיג!...
צוּא אִיךְ וָואס אִיךְ שְׁפִּיר מַיין לַאגֶע, מַיין שְׁטַאנְד,
אָדֶער אִיר וָואס אִיר שְׁלָאגְט אַייךְ קָאפּ אָן דֶער וַואנְד!...

עֶס קֶען זַיין אִיךְ בִּין מְשׁוּגֶע... אִיךְ גֶעשְׁטֶעה עֶס אַלֵיין
זַייט אִיר אָבֶּער בֶּאֱמֶת קְלָאהְר? חָלִעבִּין, נֵיין!..
וֶוען אִיר וָואלְט גִיוֶוען וִויא עֶס דַארְף צוּזַיין קְלָאהְר
וָואלְטֶען מִיר בֵּיידֶע גֶעהַאט אַסַאךְ בֶּעסֶערֶע יָאהְר...
דַאן וָואלְט אִיר נִיט הָאבֶּען דָארְךְ מִיר קַיין פֶּערְדְרָאס
אוּנ אִיךְ וָואלְט נִיט גֶעוָוארְען קַיין „וְויֶעטְשְׁנֶע וָואפְּרָאס!".

דָאס פַאטֶערְלַאנְד.

טַייֶער אִיז אוּנְז דָאס שְׁטִיקֶעל עֶרְד
וָואס הָאט אוּנְז אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶעבְּרַאכְט
וָואס הָאט אוּנְזֶער עֶרְסְטֶען גֶעשְׁרַיי גֶעהֶערְט
אוּנ אוּנְזֶער וִויגֶעלֶע טְרַייא בֶּעוַואכְט;
לִיבּ אִיז אוּנְז דָאס אָרְט, דִיא שְׁטֶעלְלֶע
וָואס נֶעמְט אוּנְז אוֹיף מִיט אַ פְרַייֶער הַאנְד
אוּנ צוּא וָואס מִיר הַיינְגֶען מִיט לַייבּ אוּנ זֶעעלֶע
דָאס רוּפֶען מִיר אַיינְפַאךְ: פַאטֶערְלַאנְד!...

„פַאטֶערְלַאנְד!" בֶּעטְרַאכְט נָאר וָואס הַייסְט עֶס
וִויפִיל קְרַאפְט וִויפִיל מוּטְה לִיגְט אִין אַיין וָוארְט!
אוּנ יֶעדֶער פוּן אוּנְז פִיהְלְט עֶס, וַוייסְט עֶס,
אוּנ יֶעדֶער פוּן אוּנְז בֵּיינְקְט נָאךְ דָאס אָרְט!...
יֶעדֶער גְרֶעזֶעלֶע דָארְט מַאכְט דֶעם אָטֶעם פְרַייֶער
יֶעדֶער בּוֹימֶעלֶע בֶּעוֶועגְט אִין אוּנְז דָאס הֶערְץ;
יֶעדֶער טַייכֶעלֶע אִיז אוּנְז אַ כַאסִירֶער אַ טְרַייֶער
עֶר קַאסִירְט אַיין אוּנְזֶערֶע עֶרִינֶערוּנְגֶען שַׁארְף אוּנ קֶערְץ.

איין יעדער שטיינדעל פון דארט איז אונז ליב און זיס
ווי דעם בעסטען גוטען פריינד ווילען מיר אים גלויבען
האטש מיר פיהלען דייטליך און וויסען געוויס
אז געבעטען ערסט האט ער געקעהרט ברעכין שויבען....
יעדער ווינטעל פון דארט איז אונז ווילקאמען
ווי הימלישער באלזאם ווירקט ער אויף איין יעדערין
האטש עס קען זיין — אז אין די רעצטע פאגראמען
האט ער געהאלפען — צובלאזען די — פעדערין!...

דאס פאטערלאנד ברייגנט אונז פון ווייטען א גערוס
פון אללע אונזערע טהייערע הייליגע ערטער;
דאס פאטערלאנד איז דער אייגציגער הימלישער גענוס
וואס שטעהט העכער פון דער שפראכע, ערהאבענער פון ווערטער.
דאס פאטערלאנד איז דאס אייגציגע שטיקעלע גאלד
וואס איז נאך ניט געווארען געפעלשט און בעשניטען;
זיין ווערקסעל האט מען נאך מיט בארע מינצע געצאלט
און זיין קורס האט נאך דערווייל קיינמאל ניט געליטען!...

* * *

פערלייקענען אונזער ליבע צוא דעם געבארענעם לאנד
איז גלייך וויא זייא וואלטען וועלען פארלייקענען

אונזער לעבען;

מיר גיבען אים אונזער קאפ, אונזער הערץ, אונזער האנד...
הלואי וואלט ער אונז נאר אזוי עפעס וועלען געבען...
מיר ליבען אים וויא קינדער דארפען ליבען א מאמען
אונ ער בעהאנדעלט אונז וויא א שטיפמוטער צוא צייטען;
מיר בעטין זיך: „לאמיר לעבען בשלום צוזאמען"
אונ ער נאר רק ער וויל קעמפפען שטרייטען!..

ווען מיר פארגיסען אונזער בלוט פאר איהם אין דער נויט
פארדינען מיר ניט ער זאל אונז פארשמירען מיט טינט...
ווען מיר האבען שוין ניט פון אים פארדינט אויף ברויט,
אבער שטיינער פון אים האבען מיר געוויס ניט פארדינט!..
ווען מיר זענין נאך ניט געקומען ביי אים צו א נאמען
נאר עלענד, נאר צרות, נאר בושה, נאר שאנד...
אבער צו קומען צוא אזוינע שענדליבע פאגראמען
דאס האבען מיר ניט געהאפט... „טייערעס פאטערלאנד!".

דֶער עֶרְסְטֶער שְׁטֵיין.

דֶער עֶרְסְטֶער שְׁטֵיין, דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטֵיין
וָואס אִיז אִין מֵיין פֶענְסְטֶער גֶעפְלוֹיגֶען;
הָאט מִיר גִיגֶעבִּין צוּ פֶערְשְׁטֵיין
הַאלְטֶען אָפְּפֶען דִיא אוֹיגֶען...

עֶר הָאט גֶעשְׁרִיעֶן: נִיט פַאר גֶעם!
דַיין וָוערְט פִין אֵייבִּיג אָן;
גְלוֹיבּ נִיט מֶענְשׁ, אִין פְּרָאגְרֶעם
מִיטֶען שֵׂכֶל הָאבּ נִיט צוּא טָאהְן.

גְלוֹיבּ נָאר רַק אִין קוּלַאק
וָואס הַארְגֶעט אִינ וָואס שְׁלָאגְט;
גְלוֹיבּ — נָאר זֵייא קֵיין דוּרַאק,
אִינ פֶערְשְׁטֵיי אַז מֶען יָאגְט.

מֶען יָאגְט אַרוֹיס פִּין דַיין הוֹיז
דַיין וַוייבּ אִינ דַיין קִינְד...

מַאךְ קֵיין לַיארָעם, שְׁרַייא נִיט אויס
לויף אויךְ נִיט גֶעשְׁווִינְד!...

קְרִיךְ אויף בֶּערְג, אִין טָאלִין שְׁטַייג
שִׁיף זִיךְ יַמִים אַרִיבֶּער;
עֶס אִיז פִּין גָאטט, טְרָאג אִין שְׁוַוייג
מַיין זִיסֶער בְּרוּדֶער, מַיין לִיבֶּער!...

צוּא גָאטט.

אָט הָאסְטוּ גָאטט מַיין מֹחַ
דֶעם טְרוּקֶענֶעם, דֶעם קְרַאנְקֶען ;
קְוֶועטְשׁ, דְרִיק, מִיט קְרַאפְט, מִיט כֹּחַ
אַרוֹיס עֶטְוַואס גֶעדַאנְקֶען!...

אָט הָאסְטוּ גָאטט מַיין זֶעלֶע
אִיךְ לֵייג זִיא דִיר צוּא דִיא פִּיס ;
זִיא זוּכְט בַּייא דִיר אַ שְׁטֶעלֶע
וַוייל בַּייא דִיר אִיז גוּט אוּנ זִיס

נֶעם גָאטט צוּא מַיין הֶערְץ אַצוּנְד
וָואס שְׁטֶערְט מִיר אִין פִּיל פְּרָטִים;
הֵייל עֶס, וָוארוּם עֶס אִיז וואוּנְד
אוּנ פְרֵייעֶר מַאךְ דֶעם אָטִים. —

נֶעם מִיר צוּא, גָאטט, דִיא אוֹיגֶען
נֶעם דֶעם שֵׂכֶל, דֶעם פֶערְשְׁטַאנְד ;

נעם דאס וואס קען ניט טויגען
מיינע ברידער און מיין לאנד!..

די גרויסע אסיפה.

א אסיפה איז היינט — דאס בעדארפט איהר וויסען
ביי דעם באראן דעם ליעבען, דעם גוטען, דעם זיסען.

ביי דעם באראן דעם ליבען האט מען זיך צוזאמען געקליבען
מעהאט געזיפצעט, געשפראכען, געטענת, געשריבען.

געשריבען, געהערט עצות פון איעדען פארשיעדען
וויא אזוי מעזאל פארבעסערין דיא לאגע פון יודען.

דיא לאגע וואס איז אזוי טרויעריג אזוי שווער
דיא לאגע, דיא פראגע, וואס קאסט יעדען א טרער.

און ביי אזא טרויעריגע פראגע — האט דער ערסטער אויבענאן
געעפינט דיא אסיפה — אונזער ליעבער, זיסער באראן.

* * *

„שמעו רבותי! איהר קענט מיך דאכט זיך גוט מיינע הערען
„איהר ווייסט אז וואס מ'הייסט דאס טהוא איך גאנץ געערן.

„איהר האט מיר געהייסען עטוואס טראכטען, האב איך געטראכט
„איהר האט מיר געהייסען מאכען אסיפות, האב איך געמאכט.

„איהר האט געזאגט איהר מיינט — האב איך אויך געמיינט,
„און ווען איהר וואלט מיר הייסען וויינען, וואלט איך געוויינט.

„הייסט מיר פאסטען אללע טאג, כדי מבטל צו זיין דיא גזרה
„וועל איך גערן פאסטען, האטש „צער בעלי חיים" איז א עבירה.

„הייסט מיר ליגען אויף דער ערד און עסען היי אדער שטרויא,
„וועל איך עס מקיים זיין, ווייל איהר רבותי ווילט אזוי.

„אלסדינג בין איך אין שטאנד צו טאן אין כלל פאר דיא אומה
„פאר דיא ליעבע, דיא זיסע, דיא טהייערע, דיא פרוממע.

„וואס מיינט איהר דערצו רבותי, בין איך גירעכט?
„טהוא איך וויא געהעריג, אדער טהוא איך שלעכט?"....

* * *

אויף דיא דאזיגע קלוגע רייד וואס מאכען אונז עהרע
און פערגניגען
האבען פיעל געענטפערט „אמן" און פיעל האבען געשוויגען.

* * *

נאך דעם קלוגען באראן איז אויפגעשטאנען א רב א גרייז
וואס זיין קאפ שפריטצט פייער אונ זיין הערץ ווארפט אייז.

"הערט אויס" זאגט ער, מרנן ורבנן, הערט אויס רבותי,
די סבה פון אונזער אונגליק וועל איך אייך ענטדעקען פרייא:

וויל די רעליגיאן איז געפאלען אונ די בילדונג איז געשטיגען
אט דאס איז די אורזאכע פון די קלעפ וואס מיר קריגען.

אונזערע קינדער האבען גאר אויף געהערט צו לערנען גמרא
דער פאר איז אויף אונז געקומען אזא גזרה, אזא צרה.

די בילדונג איז אונזער חלה, די אויפקלערונג — דאס מעסער
אונ גאטט ווייסט אויב די צרה וועט ניט ווערן נאך גרעסער.

אונ ווען רבותי, איהר אינטערעסירט זיך, פאר דאס יידיש פאלק
זאל לעבען
אט דאס איז מיין איינציגע עצה וואס איך קאן אייך איצט געבען.

לאמיר אללע געהן צו איגנאטיעווען, לאמיר איהם ערקלערען
אז פון בילדונג אונ אויפקלערונג ווילען מיר ניט זעהן ניט הערין.

לָאז עֶר צוּ מַאכֶען פַאר אוּנְז. דִיא גִימְנַאזִיוּם, דִיא אוּנִיוֶוערְזִיטֶעטֶען
לָאז עֶר עֶפֶענֶען יְשִׁיבוֹת, קְלוֹיזֶען, צוּם לֶערְנֶען צוּם בֶּעטֶען.

„חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם!" לָאמִיר אַלֶע אִין אֵיינֶעם שְׁרַייֶען
אוּנְזֶערֶע אַלְטֶע סְיָגִים מִנְהָגִים לָאמִיר וִויעדֶער בַּאנַייֶען.

אַנְשְׁטָאט דִיא וַוייבֶּערְשֶׁע קוּרְסֶען — קֶענֶען מִיר מִקְוֹת בּוֹיֶען
וָואס זֶענֶען אַסַךְ וִויכְטִיגֶער פַאר אוּנְזֶערֶע פְרוֹיֶען. —

כְּשֵׁרָה מִקְוֹת, פַאיְקֶען, נָאךְ אַזוֹיגֶע זַאכֶען וָואס אוּנְז פֶעהְלְט
וֶוען מִיר הָאבֶּען דָאם — זֶענֶען מִיר דִיא גְלִיקְלִיכְסְטֶע
אוֹיף דֶער וֶועלְט!..

עֶהְרְלִיכֶע יוּדֶען, כְּשֵׁרָה וַוייבֶּער, וָואס הָאבֶּען מִיר מֶעהְר נֵייטִיג ?
אוּנ דֶער מִיט אִיז גֶעהֵיילְט דִיא מַכָּה, אוֹים מִיט דֶעם וַוייטִיג"! —

* *

וִויא דֶער אַלְטֶער הָאט גֶעעֶנְדִיגְט, הָאבֶּען זִיךְ גֶעהֶערְט
קוֹסְסֶען שְׁוֶוערֶע
וָואס דֶער בַּארָאן הָאט אִיהְם גֶעגֶעבֶּען פַאר זַיין קְלוּגֶע לֶעהְרֶע!

* * *

נאך דעם רבֿ האט אנגעהויבן — האדעווען זאל ער זיך אהן צער
אונזער וועלט בעריה'מטער יינגעלי, דאס יתומ'ל, דניאל באגא"ר !..

הערט אוים, זאגט ער מיינע יודען, איהר קענט דאכט זיך
אייער דניאל באגא"ר
איהר ווייסט וויא עהרליך ער האט אייך געדיענט, ווען ער איז
געווען סעקרעטאר

אין אייער חברה „פיצע בעל העגלה" אז ער איז געווען סעקרעטאר
מסתמא פארשטעהט ער אין עסק, מסתמא איז ער קיין נארר

אונ וויא באלד ער איז קיין נארר, טא הערט זשע זיין ראטה
ווארים ער רעדט צו דער זאך, פינקטליך, אקוראט.

נאך מיין מיינונג נאך — ליגט פארבעשטימט דער הונד בעגראבען
אין דעם, וואס מיר טוהען נאך אונזער זיידען, אונזער באבען.

מיר זענען וויא דיא אפפען, וואס לאזען זיך פיהרען פאר
א שטריקעל
פון בעטלער, פון ציגיינער, פאר צוקער אקליין שטיקעל —

פָאלְגְט מִיךְ אוּנ לָאמִיר אַוֶועק וַוארְפִין דִיא אַלֶע זַאכֶען אָן אַ זַייט
אוּנ לָאמִיר וֶוערִין אַייְרָאפֶּייֶער — וָוארִים עֶס אִיז שׁוֹין הֶעלְבֶּען צַייט!

אַוֶועק מִיט דֶעם „שֻׁלְחָן עָרוּךְ" „חשֶׁן מִשְׁפָּט" „יוֹרֶה דֵעָה"
אוּים טַהֲרוֹת, אוּים טְרֵפוֹת, אוּים נֶקֶב אִין דֶער רֵיאָה!

וָואס טוֹיג מִילָה? וָואס טוֹיג שְׁחִיטָה? דָאס טְהוּט נָאר אַ דוּרַאק
לָאמִיר הֵייַראטְהֶען גוֹיֶעס, אָדֶער לֶעבֶּען פְּרָאסְט:
„גְרַאזְדַאנְסְקִי בְּרַאק!"

אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶועלֶען דַאן מִיט דֶער צַייט בַּאקוּמֶען אַלֶע רֶעכְט,
אוּנ אוּנְזֶער לַאגֶע דֶערְבַּיי וֶועט הֶעלְבְּען גָאר נִיט זַיין שְׁלֶעכְט...

פָאלְגְט דִיא עֵצָה פוּן אַייֶער פְרַיינְד, פָאלְגְט זַיין רַאטְה
וָוארִים אִיהְר וַוייסְט אַז וָואס עֶר זָאגְט אִיז רִיכְטִיג אָקוּרַאט.

* * *

נָאךְ זַיינֶע רֵייד אִיז אֲפִילוּ גֶעוָוארֶען אַבִּיסֶל אַ שׁוּשְׁקֶערַיי
נָאר דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ פֶערְהַאלְטֶען אַנְשְׁטֶענְדִיג דַאבַּיי.

אונ[3] נאך פיעל פלוידערייען וואס זענען געבויעט אויף צביעות
אויף חניפה
האט זיא זיך געענדיגט, וויא עס ענדיגט זיך אידישע אסיפה!..

— — — — — — —

אויף מארגען נאך דער אסיפה, דערצעהלען מענשען אקוראט
זענען פיעל געפאהרען נאך וואלאזין... אונ 2 האבען זיך געשמאט.

אין א יידיש חדר.

(בעטראכטענדיג דעם חדר אונ זיינע ספרים).

„הקול קול יעקב
והידים ידי עשו!"

אט דיא איינגע שמוטציגע חדרים
מיט דיא אלטע פערשמאלצענע ספרים
גיב איך אייך מיין ווארט — אונ קען דערויף וועטין
אז זייא שטייען ניט נידעריגער פון אייערע אוניווערזיטעטין!

ווען ניט העכער אין בילדונג, אין וויסענשאפט, אין לעהרע
דער פאר אבער העכער אין געפיהל, העכער אין עהרע
העכער, ערהאבענער, אין הערץ, אין זיטטען
אונ אומזיסט האבען מיר דעם חדר אויף די שוהלע פארביטען

גיט אונז צוריק דעם חדר מיט דיא געשליפענע קעפלאך...
אונ מיר גיבען אייך אפ בכבוד אייערע מעשינע קנעפלאך!...
קעהרט אונז אום די אלטע צייטען, דיא אלטע מאנירען
אונ מיר גיבען אייך מיט פרייד צוריק די גימנאזיצעסקע מונדירען.

מיר דארפען ניט אייערע פארמעס וואס איז גאר א חידוש
א הערץ האבען מיר נייטיג, א הערץ וואס זאל זיין יידיש!...
עשו אונזער ברודער דארף א שווערדיל אונ א מונדיר איבעראל
יענקעלע אבער א „צריך עיון", א „ויש לישב", אונ א „ודו"ל"!..

עשו האט נייטיג העטשקעס כדי זיין קולאק צו בעגראבען
יענקעלע דארף א קול, אונ א קול דארף גאר נישט האבען!...
עשו האט נייטיג א בויך מיט א גרויסען וואדאטשני זאוואד
יענקעלע האט נייטיג א הערץ אונ א מויל וואס שרייט „אחד!"

דעריבער גיט יענקעלען זיין לעבען, זיין גליק,
גיט אים זיין ערציהונג מיט דיא חדרים צוריק!...
מיר זענען געקומען צום שכל אונ אנגעהויבען שפירען
אז מיר קענען זיך מיט אייך קיינמאל אסעמילירען!...

בוימעל שטעהט אפ פון וואסער... אונ ראקעס ווייכען פון קוגעל
מיר קענען זיך בשום אופן ניט צושמעלצען אין אייער טיגעל!...
צו וויל וואסער איז פיינער... אדער וויל בוימעל איז פעטער...
דאס פערשטייען מיר שוין איצט... אונ אונזערע קינדער ערסט
שפעטער!..

מִיר װֶעלֶען צוּ הַאקֶען אַײעֶר שְׁפַּאגֶעס, חָלֶעבִּין, זֶעהְט, אִיך
הָאבּ מוֹרָא
אוּנ מִיר װֶעלֶען דֶער פוּן מַאכֶען מֵײטְלַאך צוּ דֶער סֵפֶר תּוֹרָה
מִיר װֶעלֶען צוּבְּרֶעכִין דִיא קְנֶעפְּלַאך מִיט לֵיארֶעס, מִיט גֶעשְׁרֵיי
אוּנ מִיר װֶעלֶען מַאכֶען צוּא „חֲנוּכָּה" דְרֵײדְלַאך פִּין זֵייא!

וָואס גִיט אִיר אוּנְז אַײעֶרֶע בַּאלֶען, אַײעֶרֶע 5 אוּנ פִּירֶען
גִיט אוּנְז נוּן, גִימֶל, הֵא, שִׁין, כְּדֵי אוּנְזֶערֶע נִסִים צוּא שְׁפִּירֶען
„נֵס גָדוֹל הָיָה שָׁם!" דָאס שְׁרֵייבְּט אוּנְז אִין דִי דִיפְּלָאמֶען
אוֹיבּ אִיר װִילְט נִיט דֶערְשְׁטִיקֶען אוּנְזֶער גֶעפִיהְל, אוּנְזֶער נָאמֶען!

װֶען אִיר װִילְט אָבֶּער דִיא װֶערְטֶער נִיט שְׁרַייבֶּען אִין דִיא
דִיפְּלָאמֶען
טָא װֵייסְט זְשֶׁע אַז מִיר זֶענִין יִידֶען, אוּנ שֶׁעצִין אוּנְזֶער נָאמֶען!..
מִיר זֶענִין גֶעקוּמֶען צוּם שֵׂכֶל... מִיר װֵייסֶען שׁוֹין אוּנ שְׁפִּירֶען
אַז יַעֲקֹבְס קוֹל מִיט עֵשָׂוס קוֹלַאך קֶענֶען זִיך קֵיינְמָאל אֶסֶעמִילִירֶען!.

דער בעל סוד

אדער

א טענה מיט דעם "טייני סאוויעטניק".

(י"ג תנועות).

האהע עקסילענץ! עפּעס ווילען מיר דיר פרעגין:
אז דוא ווייסט פיל סודות האסטו געווים וואס געהערט —
טא זאג אונז ערשטענס: צוא מיר וועלען א מאל מעגין
באריערן עטוואס פעסטער אונזער באדען, דיא ערד?!...

צווייטענס: וואלטען מיר וועלען דעם סוד פון דיר דערגעהן
אז דיא ביסט יא דארטין... אזוי שטארק אנגענומען —
אויב עס איז נאך געבליבען פאר אונזערע פענסטער א שטיין
אונ צוא מיר, אדער דוא, וועסט אים פריהער באקומען?...

דריטענס: צוא מיט דיא קברים פון אונזערע טויטע
וועט מען מאכען וויא מיט הייזער... גאר נישט פיל שפרעכין
גאר איך זעה אויף דיין פנים א קראסקע... א רויטע
איז ניט דיין פארב א וואונק אז מען וועט זייא צוברעכין?

* * *

האסט זיך עקסילענץ, חאטש בעדארפט א ביסעל שעמען
אזא שרעקליכען טיטעל פון זייא אנצונעהמען
אין אזא מדינה וואס זיא איז אזוי גוט און פרום
און טרייבסט דיינע ברידער מיט א פאס „נא וועזד!" ארום.

מיר פארשטייען עקסילענץ דיין ענטפער זייער גוט
דוא וועסט נעבאך זאגען: וואס זאל איך טאהן ווען מען גיט?
און דוא מיינסט מיר זענין דיא גרעסטע נארען פון דער וועלט
און פארשטייען ניט צוא ענטפערין: יא! מען גיט, פאר־געלט!...

פאר דאס געלט וואס דיר קאסט דיא לענטע פון דיין „אננע"
— וואס זיא מאכט דיין מיאוס פנים נאך מעהר פאגאנע...
אט מיט דעם גרויסען קאפיטאל, מיט דעם זעלבען מיליאן
האסטו גיקענט רעטין, עקסילענץ, דיין ארים נאטציאן!...

* * *

איך ווייס ניט וויא נעמט מען אן דעם טיטעל „עקסילענץ"
פון דיא וואס רויבען דיינע ברידער דעם עקסיסטענץ?!
וויא ווילסטו דיין פאלק זאל האבען גאר נישט, און דוא — אלס!
דיין פאלק זאל טראגען צרות — און דוא... אננא אויף דעם האלז!

איא דוא שווייגסט? דוא שעמסט זיך? פארשטעהסט שוין א פנים
וויא הוזק זייא מאכען פון דיר אין אלע עינים...
ווייל מיט דעם וואס זייא האבען דעם טיטעל דיר גיגעבין
האבען זייא אונז גענומען דיא מיטטעל, אונ דאס לעבען!...

פארשטייי אויך מיט וועלכע אויגען מיר יודען קוקען
אויף דיין גרויסען טיטעל מיט אלע דיינע גליקען!...
ווייל "אננע" אויף דיין כשר האלדז מאכט אז דוא פארגעסט
דיין רעליגיאן, דיין נאטציאן, וואס מען דריקט אונ מען פרעסט!..

אונ דריקען דריקט מען זייא נאר דורך איך פון אייביג אן!..
ווייל דאקוטשען דאקוטשעט איהר... דוא אונ דער באראן!..
דער געהיים ראטה, דער שטאטסראטה, נאך אזוינע רויטע...
אונ דוא פארשטעהסט עס ניט? אונ מאכסט זיך פאר א שוטה?

איך וויים ניט וויא קומסטו אין שוהל א מאל אין א יאהר
מיט דיין שטיק "אננא" וואס דוא זעהסט אויס וויא א שווארץ יאהר
בייא גאטט וואס ער וויסט ניט אויבען אין זיין רעזידענץ
פון קיין טשין "טייני סאוועטניק" פון קיין עקסילענץ!...

מיר וויסען גלאט ניט — מיר זאלען אזוי וויסען פון דלות —
וויא קומט "אננא נא שייע" צוא ציצית מיט א טלית?!...

הײַנט גיב אַ קוק הינטער דיר... װעסטו זען אַ שפּאַס
דו האָסט סטאַניסלאַװ און יענע... „נאַ װיעזד!" אַ פּאַס!..

* *
*

זאָג זשע עקסילענץ, דו בעל סוד, דו געהײמער ראַטה:
װען װעלען אױפֿהערן די צרות? װײַל ס'איז שױן צײַט!..
נאָר איך פֿאַרגעס אַז דו ביסט אַ געהײמראַטה און גרױס
און אַ סוד, אַ ייִנגעל! פֿון חדר זאָגט מען ניט אױס!...

דער יידישער קאָפּ.

שטענדיג טראַכט איך שוין אַזוי פיל יאָהרען:
וויא ווערט אַ ייד אויף דער וועלט געבאָרען?
ציא קומט ער מיט אַ מאָל אָדער קומט ער צו ביסלאַך?
צי שפּרינגט ער אַרויס מיט דעם קעפּיל אָדער מיט די פּיסלאַך?

קומט ער מיט זיין קעפּיל וואָס גאָט האָט אים געגעבן
פאַר וואָס זשע לאָזט איר איהם מיט זיין קעפּיל ניט לעבען?
קומט ער ווידער מיט די פּיסלאַך, האַקט זייא אָפּ ליבער
נאָר לאָזט אים האַטש זיין אָרימען קאָפּ איבער!

מיילא דאָס הערץ — האָט איר רעכט — וואָס איר ווילט זאָגען
אַז דאָס טאָר ער ניט אויף דעם ריכטיגען אָרט טראָגען
ווייל אַ הערץ איז הייס און קען בעקומען פיבער...
נאָר זיין קאָפּ.. זיין קאָפּ.... לאָזט אים האַטש איבער

נאָר לאָזט אים זיין קאָפּ וואָס ער האָט נייטיג בנאמנות
טאָקע פאַר אייך אַליין צו שרייבען זאַקאָנעס...

זאקאנען, רעליגיאנען, פסאלמען און ביבער
וואס איר לעקט, וואס אייך שמעקט חלעבין ניט איבער!..

ערלויבט אים זיין קאפ פרייא נאר צוא טראגען
וועט איר דעמאלט הערין וואס ער וועט אייך זאגען,
ער וועט אייך לעכטיג מאכען אייערע דונקעלע טעג
און אין מדבר זאהארא וועט ער אייך מאכען א וועג!

דרייט ניט זיין קאפ — ווארים איר זייט עס ניט אים שטאנד
עס איז קיין שאריק מיט לופט, עס איז א אונווערזיטעט פול
פערשטאנד
עס איז א פרעדמעט וואס איר ווייסט ניט, וואס איר קענט אים
ניט שפירען
אין אים איז נישטא קיין ווינד, אין אים איז מארך, געהירען!...

עס איז א קאפ וואס הייסט אנטלויפען פון מארד, פון דועלין
עס איז אזוינס וואס האט פאר אייך תמיד א צונג ארוים צו שטעלין
עס איז א קאפ א קלארער ניט בערוישט פון אלקאהאל
עס איז א דיינקענדער קאפ, וואס איז פול איבעראל!

עֶר אִיז הוֹיךְ וִויא דֶער הִימֶעל, טִיף וִויא דִיא עֶרְד
עֶר ווייסְט זַיין אֵייגֶענֶעם, אוֹיךְ דֶעם אַנְדֶערֶענְם ווֶערְט
עֶר הֶערְט נִיט אוֹיף אַרְבֵּייטֶען.. חָאטְשׁ רַייסְט אִים אוֹיף שְׁטִיקֶער
עֶר אִיז אַ קָאפּ וָואס שְׁטַארְבְּט נִיט! אָט דָאס אִיז דֶער עִיקָר!...

עֶרְלוֹיבְּט זְשֶׁע דֶעם קְרַאנְקֶען יִידֶעל, דֶעם עֶלֶענְדֶען, דֶעם אַלְטֶען
עֶרְלוֹיבְּט אִים דֶעם קָאפּ אוֹיף זַיין עֶלְטֶער צוּ דֶערְהַאלְטֶען...
אִיר הָאט אִים אַלֶעסְדִינְג בֶּערוֹיבְּט אִין דִיא 2 טוֹיזֶענְד יָאהְר
רוֹיבְּט אִים חָאטְשׁ זַיין קָאפּ נִיט! זַיין קָאפּ לָאזְט אִים נָאר!

אִיךְ מִיט מַיין שְׁמֶערְץ.

אִיךְ מִיט מַיין שְׁמֶערְץ
זִיצֶען אִין אַיין צִימֶער
אוּנ מֶערֶעדְט אוּים דָאס הֶערְץ
וִויא תָּמִיד, וִויא אִימְמֶער. —

וִויא אַלְטֶע בֶּעקַאנְטֶע
פְלוֹידֶערְן מִיר צוּזַאמֶען
פוּן פְרֶעמְדֶע, פוּן פֶערְוַואנְדְטֶע
פוּן טַאטֶען, פוּן דֶער מַאמֶען

אִיךְ בִּין דַאכְט זִיךְ אַפָּאעֶט
מַיין שְׁמֶערְץ אִיז אָבֶּער גְרֶעסֶער
אוּנ עֶר שְׁנַיידְט וֶוען עֶר רֶעט
פְּרָאכְט וִויא מִיט מֶעסֶער

עֶר פֶּערְטְרַייבְּט, עֶר פַארְפִיהְרְט
מִיךְ אִין דֶער הֶעלֶע;

און דעם עלענד דערשפירט
ער, גלייך אויף דער שטעלע. —

* * *

ער פיהרט מיך אריין
אין יודישע שולען
און הייסט מיר דארט זיין
אום דעם עלענד צו פיהלען.

ער פיהרט מיך אבער אונ ווידער
אין אללע קווארטאלען
וואו אונזערע ברידער
ווערין פארזונקען, פערפאלען.

ער ווייזט מיר זייער דלות
זייער לעבען, זייער פיהרונג
זייערע חתנים, זייערע כלות
זייער נדן, זייער ציהרונג. —

זייער ערציהונג. זייער בעגריף
פון לעבען פון דער וועלט;

ווִיא זַייא זִינְקֶען אָפְּט טִיעף
אִיבֶּער אַקְלַיין בִּיסְל גֶעלְד. —

זַייֶער פַאנַאטִיזְמוּס דֶעם ווִילְדֶען
זַייֶער עַזוּת, זַייֶער שְׁטָאלְצִירֶען;
ווֶען זַיי בֶּעקוּמֶען עֶטְלִיכֶע גוּלְדֶען
אוּנ הַייסֶען שוין גְבִירִים. —

מַיין קָאפּ ווֶערְט מִיר דוּל
דוּרְךְ'ן לְיַארְם, דוּרְךְ דִיא בְּכִיוּת
ווָאס עֶס טְהוּט זִיךְ אִין שוּהְל
אִיבֶּער דִיא עֲלִיוֹת. —

אוֹיךְ דִיא יִידִישֶׁע דַאנָאסְסֶען
ווִיקֶעלְט מִיר אוֹיף מַיין שְׁמֶערְץ
אוּן דָאס בְּלוּט ווֶערְט פֶערְגָאסֶען
עֶס פְּלַאטְצְט אַזְש דָאס הֶערְץ.

דִיא שֶׁעהְנֶע לִיעבֶּע דְרָכִים
דִיא טְהַייֶערֶע „קאסְסֶע סְסוּד"

דיא ליעב הארציגע רוחים...
וואס פוצען דעם נאמען „יוד"

וויא נידריג ער געהט אום
מיט זיינע ארמע ברידער
און וויא שפל, וויא דום
זיי בעהאנדלען איהם וויעדער

וויא עס צופלאמט זיך זיין הערץ
דיא קופערנע, דיא מעשינע;
פאר זיין פאלקס עלענד און שמערץ
אזש ביז צו דער קעשינע. —

וויא ער בעהאנדעלט זיינע שרייבער
זיינע פיהרער, זיינע וועג ווייזער
אין זייא מוזען וויא בערינטרייבער
ארום געהן אין דיא הייזער.

זיין ארדענונג אין צדקה געבען
זיין שמייסען מיט דעם געלד

זיין מנוחה, זיין לעבען
  זיין קוקעניו אויף דער וועלט. —

זיינע רביים, זיינע חסידים
  זיינע קינדער פון אטאטען
זיינע שעהנע בנים יחידים
  „וואס פאסען ניט פאר סאלדאטען!"

אלם, ווייזט מיר מיין שמערץ
  ווי א ריכטיגע פאנאראמע
און עס פוילט מיר דאס הערץ
  און עס פלאטצט מן הסתמא! —

* * *

מיין שמערץ דער ווילדער
  ווייזט מיר אויך אויף קלאהר
אנדערע טרויריגע בילדער
  וואס שטעלט זיך קאפויער דאס האר.

ער פיהרט מיך אריין אין באלטא
  אין קיוב אין יעליסאוועט...

אונ דאס הערץ דאס קאלטע
ווערט קאכענדיג אונ עס רעדט. —

* * *

ער ווייזט מיר אונזער שטאנד
אונזער לאגע אונזער טרייסט
וואס מיר האבען צו האפען פון אזא לאנד
וואס ניט פיהלט, וואס ניט ווייסט. —

וואס ניט פיהלט אונזערע יסורים
וואס ניט ווייסט אונזערע לאגע
און אהן טענות — אהן דבורים
בלייבען מיר שטענדיג אלס „פראגע"

„דיא יודישע פראגע" הייסט עס
אין דיא צייטונג, אין דיא אוסטאווען
אונ מיט יאהרען — ווער ווייסט עס
אויב עס וועט זיך איספראווען?..

איך מיט מיין שמערץ וכו'

אַזוי פּיעל פּפליכטען.

אַזוי פּיעל פּפליכטען, אונ אַזוי ווענינ רעכט
איז צו עקזעסטירן ביטער אונ שלעכט.
שטענדיג צאהלען חובות אונ ניט איינקאסירען
איז אונמעגליך אויף דער וועלט צו עקזעסטירן
ארבייטען וויא אפּפערד אונ עסען וויא אהונד
איז דען מעגליך דער קערפּער זאל זיין געזונד?
באקומען שטארקע קלעפּ אונ מוזען דערצו שווייגען
דא קאן דיא גרעסטע זעעלע בשום אופן, ניט שטייגען!

אמענש מוזטו זיין — מענשליך האנדלען אונ פיהלען!
נאר גיט דיר יענער אפּאטש — פארשלוק עס וויא פּיללען!
אמענש זאלסטו זיין — ניט באריהרען דיא עהרע, דיא זיטען
נאר באריהרט יענער דיינע — שוויינ שטיל, ניט געשטריטען!
באריהר ניט יענעמס פרויא. יענעמס טאכטער, יענעמס גוט
נאר באריהרט יענער דיינס — הוק צו מיט קאלטען בלוט...
ביא אזוי פיל פפליכטען, אונ ביא אזוי ווענינ רעכט
איז צו עקזעסטירן זעהר ביטער און שלעכט

ביזטו אסותר — מוזטו האנדלען עהרליך און טרייא
קיין אבמאנן, קיין קלאגע, זאל ניט זיין דער בייא
בעטריגט דיך ווידער אסותר — וואס הייסט אנדערס וויא איציק
רעד קיין ווארט! שווייג שטיל! זייא געלאסען, ניט היציג!
אז סובארין האט אפעדער מאג ער שרייבען וואס ער וויל
האסטו עס אבער חלילה, מאך קיין ליארם, זייא שטיל
ביי אזוי פיעל פפליכטען — און בייא אזוי וועניג רעכט
איז צו עקסעסטירן זעהר בימער און שלעכט

ווען דיין „געלד" האט דיר געזיכערט, דוא האסט דיין עקסיסטענץ
אדער ווען דיין „פאס" ערלויבט דיר נאך צו וואהנען אין רעזידענץ
זייא ניעדריג וויא א ווארם, ליג דיר אין דיין מיסט
אין „זאראדיע" אין דאם יאקאבלעוו אין ווייס ווער דוא ביזט
פערגעסטו זיך חלילה און קריכסט אין דיא הויכע פענסטער
אט דא קען דיך דער שטיקען דער גרעסטער, דער קלענסטער
ביי אזוי פיעל פפליכטען — וכו'

אין איין מינוט ווערט דיין „כתיבה" „נא וויעזד" אנגעשריעבען
און אין 24 שעה ווערסטו פון רעזידענץ פארטריעבען
אזוינע מעשות טרעפען זיך אפט.. און עס איז שוין גאר קיין וואונדער

אַז מֶעשִׁיקְט אַרוּים מַאנְן אוּנ וַוייבּ מִיט 8־קְלַיינֶע קִינְדֶער
מֶען צֶערְבְּרֶעכְט הַייזֶער, מֶען שְׁטֶערְט קִינְדֶער זַייעֶר כַּארְיֶערֶע
אוּנ דִיא עֶרְד מוּז הֶעלְפִּין פַארְגִיסֶען טְרֶערִין בִּיטְטֶערֶע שְׁוֶוערֶע..
בַּיי אַזוֹי פִיעל פְּפְלִיכְטֶען, אוּנ אַזוֹי וֶוענִיג רֶעכְט
אִיז צוּ עֶקְסֶעסְטִירְן זֶעהְר בִּיטֶער אוּנ שְׁלֶעכְט.

וָואס קאָן נאָך ערגער זײַן.

װען אין טאג אין העללען
פארשמעלט מען דיר דיא שײן
וויא ווערט עס דיר געפעלען?
און וואס קאן דען ערגער זײַן?..

װען אזוי פיעל הונדערטע יאהרען
לאזט מען דײַן פוס ניט ארײַן
אין לאנד וואו דוא ביזט געבאהרען...
הײַנט וואס קאן נאך ערגער זײַן?

וויא קלײַן דײַנע פראוועס זענען
אזוי גרויס איז דײַן שמערץ, דײַן פײַן
און עס העלפט קײַן רעדען, קײַן טענה'ן
הײַנט, וואס קאן נאך ערגער זײַן?

דײַן בלוט איז יעדער מענש מתיר
עס פליעסט אזש פון „נעווא“ אין „רהײַן“

ווייל דוא ביזט א „סעמיט" א עקספּלואטאטער...
הײנט: וואס קאן נאך ערגער זיין?

פּיכנא, אזימידאוו, סובארין
אקערץ, און נאך אזא מין שווײן
בייסען רייסען אזוי פיעל יאהרען
הײנט: וואס קאן נאך ערגער זיין?

גיפּט גיעסט מען יעדען טאג אונטער
אין דיין שיסעל, אין דיין בעכער וויין!..
דיין אינערעס ברענט וויא צונטער
הײנט: וואס קאן נאה ערגער זיין!..

צו בּרעכט אַללע שפּיגלען.

צו בּרעכט אַללע שפּיגלען, צו בּרעכט!
זייט זיי פון דער וועלט מכלה
וויל זיי ווייזען אונז וויא ס'איז שלעכט
אַ מענש צו זיין — ניט וויא אַללע!..

הייסען מענש און ניט האָבּען קיין רעכט
דאָס לעבּען זאָל הענגען אויף אַ האָר;
צו בּרעכט זשע אַללע שפּיגלען, צו בּרעכט
צו בּרעכט צו אַלדע שוואַרצע יאָהר!..

איך זאָל זעהען אַז בּיי מיין שטערין
ליגט אויסגעצויגען דאַכט זיך אַ נאָז...
און ניט מאָגען פיהלען, קלערען
וויא בּיטער וויא שלעכט איז דאָס!..

איך זאָל זעהען אַז אויגען אַ פּאָר
בּרענען בּייא מיר וויא בּיי זיי

צוּ בְּרֶעכְט צוּ אַלְלֶע שְׁוואַרְצֶע יָאהְר
דִיא שְׁפִּיגֶעל וָאס טְהוּן אוּנְז וֶועהְ!...

אִיהְר רַייסְט בֶּעטְגֶעוואַנְד פִין דִיא ווִיגֶאלַעךְ
אוּנ אִיהְר מַיינְט אִיהְר זַייט גֶערֶעכְט?
צוּ בְּרֶעכְט בֶּעסְסֶער אוּנְזֶערֶע שְׁפִּיגֶאלַעךְ
צוּ בְּרֶעכְט!, צוּ בְּרֶעכְט! צוּ בְּרֶעכְט!..

איך גלויב ניט!

איך גלויב ניט אז דיא נאז וואס שטעקט וואס שמעקט
וועט א מאהל אויפהערין צו שטעקען צו שמעקען...
איך גלויב ניט אז דיא צונג וואס חנפהט וואס לעקט
וועט א מאהל אויפהערין חנפהנ׳ן לעקען. —

איך גלויב ניט אז דיא ציין וואס רייסען וואס בייסען
וועלען אויפהערין בייסען מענשען אין דיא גאסען
איך גלויב ניט אז דיא הענד וואס ברעכען וואס רייסען
וועלען א מאהל ווערין רוהיג, שטיל, געלאסען

איך גלויב ניט אז דער קאפ וואס דענקט וואס קלעהרט
וועט א מאהל אויפהערין פאלשקייטען צו קלעהרן
איך גלויב ניט אז דאס אויער וואס האט מסירות געהערט
וועט א מאהל אויפהערין דאנאסען צו הערין!..

איך גלויב ניט אז דיא פיעס וואס טאנצען וואס לויפען
וועלען א מאהל אויפהערין צו לויפען צו טאנצען

איך גלויב ניט אין זייער ריכטיגען גאנג בשום אופן
אזוי וויא איך גלויב ניט אין מענשען אין גאנצען!

* * *

איך גלויב ניט אז אין אונזער קאפ ליגט מארך, געהירן
און אין אונזער הערצען ליגט געפיהל, פערשטאנד...
ווייל דעמאלט וואלט דער מענש מענשליך שפירען
און עס וואלטען ניט פארקומען פאגראמען אין לאנד.

איך גלויב ניט אין אמת וויא איך גלויב ניט אין ישר
איך גלויב ניט אין חכמה, אין בילדונג, אין עהרע...
איך גלויב נאר אז דער מענש איז א טיגער א גרויסער
און „מארד" איז זיין חכמה, „רויב" זיין לעהרע. —

איך גלויב זייער שטארק אין מארדען אין רויבען
אין פרעסען, אין האקען, אין ברעכען, אין צעהרען...
אין דומהייט, אין ווילדהייט, אין דעם קאן איך גלויבען
ווייל פון דיא לעטצטע פאגראמען שטודיר איך און לערין. —